קונטרס

# קדושים תהיו

מכון
נפש משיבת
להפצת תורתו של
הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א

תּוֹרַת ה׳ תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ

קונטרס

# קדושים תהיו

## שיחת קודש

מפום ממלל רברבן פאר הדור

מו"ר הגה"צ רבי **יעקב מאיר שכטער** שליט"א

**בענין ימי השובבי"ם**

**עם שו"ת בעבודת ה׳**

- בלשונו הזהב באידיש -

חודש אדר א׳ תשפ"ד לפ"ק

יִרְאַת ה׳ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד

לשון השיחה הוא מילה במילה כפי שנאמר ע"י מו"ר הגה"צ שליט"א, בהשתדלות יתירה להיות נאמן ממש למקור, הנוסף בסוגריים הוא מהמעתיקים להבנת או פירוש הדברים. ניתן לשמוע השיחה בקו הטלפון שלוחה 2/4/25.

הבאנו בשולי הגליון פנינים יקרים מאוצרו ספרי מו"ר הגה"צ שליט"א (ונכתב בספר, לקט אמרים, אוסף אמרים, אוסף מכתבים, דרך כוכב) וכן ממה ששמענו בע"פ בזמנים שונים, כמובן שהם כטיפה מן הים הגדול והרבה יותר ממה שהבאנו כתוב עוד.

כמו כן עשינו אזניים לתורה מספרי רביה"ק ז"ל ומוהרנ"ת ז"ל זכותם יגן עלינו, כי מנחל הנובע מקור חכמתם באים הדברים, גם כאן לא הבאנו רק מיעוטא דמיעוטא אשר יכילנו הגליון במסגרת זו.

יו"ל ע"י מכון "נפש משיבת"
שע"י בית הגרי"מ שכטער שליט"א
אר"י: 02-313-2210
ארה"ב: 518-329-9797
ענגלאנד: 44-33-0613-0927

©
כל הזכויות שמורות

לקבל הקונטרס ושאר ספרים:
רח' תדהר 4 ירושלים עיה"ק
S023132210@gmail.com

עימוד ועיצוב:
"ואנוהו"
050331.05646

מכון
נפש משיבת
להפצת תורתו של
הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א

בקשתינו שטוחה לכל מי שנמצא ברשותו או יודע מעוד מאמרים, מכתבים, טעיפ'ס וכדומה, ממו"ר הגה"צ הרי"מ שליט"א יואיל בטובו להתקשר אלינו בקו הטעלעפאן או לשלוח אלינו במייל:
s023132210@gmail.com
ויתפרסם בעזהשי"ת בהמשך הזמן, וזכות הרבים תלוי בו

# שיחה בעניני שובבי"ם

## לבחורי ישיבת נזר התלמוד

## יום א' ח"י שבט תשפ"ד לפ"ק

**במענה לשאלה: מה צריך לעשות בימים אלו ימי השובבי"ם**

### צריך לנצל כל מידה לעבודת השי"ת

א מענטש האט אין זיך אסאך נאטורן, גוטע נאטורן אין שלעכטע נאטורן, יעדער מענטש האט אין זיך א נאטור פון 'רחמנות' און ער האט א נאטור פון 'אכזריות', אלע פרטים איז דא אין דער מענטש, **מ'דארף עס נאר אויסנוצן פאר השי"ת!**.

### מידת ה'אכזריות' נגד התאות הוא 'רחמנות'

די מדה פון 'אכזריות' דארף מען נוצן - אז מען האט א ניסיון, **זיי אויף דיר א אכזר!** דערצערן נישט דעם אויבערשטען!, און פון די אכזריות וועט ווערן **די 'גרעסטע' רחמנות**[א], נישטא קיין גרעסערע רחמנות אויף א מענטשן, אז ער האט א ניסיון און ער איז ממליך דעם אויבערשטן און ער טוט עס נישט!, **ס'איז א 'רכוש עולם'!**.

---

**א.** הדברים מיוסדים עפ"י ספה"ק ליקוטי מוהר"ן (ח"ב תורה ח' אות ב') וכפי שמבואר ב'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' (מאמר ב') בהרחבה: שהסטרא אחרא מהפכת את הרחמנות לאכזריות, ואת האכזריות לרחמנות - כלומר **שלוקחים כביכול רחמנות כזו שעל ידה נעשים אומללים לנצח, ואומרים שזו רחמנות! נותנים לאדם מאכל ערב ומתוק ונותנים בתוכו סם המות, ועי"ז הורגים אותו לנצח. וכי לזה רחמנות יקרא?!**, "גם תנים חלצו שד" זה שדי"ן רח"ל, וקוראים לזה רחמנות. **וכשהאדם מתאכזר על יצרו הרי זה הרחמנות הגדולה ביותר, רחמים שאין כמותם. לעתיד יקפוץ באויר מרוב שמחה על שריחם על עצמו במצב שזה נראה כאכזריות - על האלקות שהכניס בקרבו ע"י שהסיר ממנו חלק מאותו תאוה וערוה.**

מיט דעם מעקט ער אויס א חלק פון זיין סטרא אחרא - וואס דאס פארשטעלט אים פון השי"ת, **און דער אויבערשטער וועט אים זיין ליכטיג!**, פון דעם ווערט אפגעריבן דעם "מסך המבדיל".

מען מוז עס היינט וויסן, ווייל דער יצר הרע... - ס'איז א דמיון, אבער ס'איז זייער שטארק -, (אבער אויב) מ'איז א אכזר, אה, **'דאס' איז די עצה, 'אכזריות'!**[ב].

## "מה יעביד איניש ויחיה - ימית את עצמו"

די גמרא זאגט[ג] **"מה יעביד איניש ויחיה"** - וואס זאל טון א מענטש ער זאל לעבן?, זאגט די גמרא **"ימית את עצמו"** - ער זאל זיך הרג'נען!. א בפירוש'ע גמרא. א פלא'דיגע גמרא, מה יעביד איניש ויחיה - וואס זאל מען טאן מ'זאל לעבן? זאגט די גמרא ימית את עצמו - ער זאל זיך הרג'ענען (ולכאורה תמוה). **זאגט רש"י "ימית תאוותו!"**[ד].

---

**ב.** עוד שם בהמשך: וראיתי זה מקרוב באיזה מקום פירוש נאה על הפסוק "מי גבר יחיה ולא יראה מות" היינו מי הוא זה שרוצה לחיות חיים ניצחיים ולא רואה מקודם להתאכזר על עצמו ולהמית את הרע שבו.. **ואכזריות זו היא הרחמנות הגדולה ביותר לכבוד שמו יתברך על כלל ישראל ועל הבריאה כולה**, להסיר חרון אף מישראל ולהשפיע השפעות טובות.

**ג.** גמ' תמיד לב. עשרה דברים שאל אלכסנדרוס מוקדון את זקני הנגב... אמר להן (אלכסנדרוס) **מה יעביד איניש ויחיה,** אמרו ליה (זקני הנגב) **ימית עצמו.**

**ד.** כן פירש ה**מהר"ל** (חידושי אגדות) פי' **שלא ילך אחר תאות נפשו** שדבר זה נקרא חיים אליו, **ואז יחיה עצמו לעולם הבא**.. כי התאוה מוציאה את האדם מן העולם.. וממילא **אם עושה ההפך שאינו רודף אחר התאוה מחיה עצמו**, ע"כ (וכן ביאר בנתי"ע נתיב כח היצר פ"ג). וב**חסיד יעב"ץ** (אבות ד, כז) וז"ל, מה שאמרו ז"ל 'מה יעשה אדם ויחיה ימית את עצמו', מה יעשה אדם וימות יחיה את עצמו, כי א"א לזכות לשני שלחנות, **והממיתים תאותם בזה העולם לעבודת בוראם הם החיים באמת**, ע"כ, וכעי"ז בפירוש ה**מהרש"א** בגמ' שם, וע"ע בספה"ק אורח לחיים רי"פ בהעלותך.

מו"ר שליט"א רגיל להזכיר הפירוש בשמו של רש"י, ושם ברש"י איתא "**ישפיל את עצמו**" ועולה על מידת הענוה, וב'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' (מאמר א') מבאר על פי המבואר בספה"ק ליקוטי מוהר"ן (סי' ק"ל) שענוה ושמירת הברית תלויים זה בזה, כמובא על "תקפו של יוסף - ענוותנותו של בועז" שענוה ושמירת הברית חד הם, ולכן רש"י מפרש על ימית את עצמו 'ישפיל את עצמו', והראשונים אומרים 'ימית תאוותו' היינו מסירות נפש, **כי הרי הוא רוצה לקחת את חיינו ולהמיתנו לנצח לכן חייבים ללכת נגדו באכזריות, בבחינת מיתה ורציחה.**

## כשממיתים התאוה - זוכים ל'חיים'

און ס'איז טאקע אזוי, בשעת ער איז ממית די תאווה - איז אזוי ווי ער הרג'עט זיך, אזוי שטארק, אבער - - **הערשט לעבסטו!** (-דוקא עכשיו אתה חי!). א עצה צו לעבן! - צו ממליך זיין דעם אויבערשטן, און מכניע זיין 'בכל הכח' און אויסרייסען די כח פון די **ביטערע תאווה.**

און ס'איז א "סגולה" צו **מכיר זיין דעם אויבערשטען**[ה], און נהנה זיין 'מזיו השכינה' **לעולמי עד ולנצח נצחים!.**

## הזדמנות נפלאה להמליך את השי"ת בעולמינו

און **ס'איז א געוואלדיגע געלעגנהייט אויף דער וועלט!** (בעולם הזה[ו]), זיך נישט פארקויפן פאר די שמוציגע תאוות, פאר די עקלדיגע תאוות, רחמנא ליצלן. - מ'קען זיך באגראבן לעבעדיגערהייט, צוליב א פארשטונקענע (תאווה) רחמנא ליצלן, מ'זאל זיך נישט מקריב זיין פאר א... רחמנא ליצלן, (נאר) **ממליך זיין דעם אויבערשטן**, דאס איז די ריכטיגער מענטש.

א מענטש - איז דער טייטש **א מענטש וואס איז זיך מתגבר אויף די רע** און איז זיך מתגבר אויף זיינע מידות רעות און ער פירט זיך מיט רחמנות, (ומאידך) ער דינט די קדושה, מיט אלע זיינע נאטורן, **מיט די 'אכזריות' וואס מ'האט** - און עס קומט א ניסיון איז מען א 'אכזר' אויף זיך, **און דאס איז די גרעסטע 'רחמנות'** וואס איז נאר דא אויף דער וועלט.

---

**ה.** וכפי המבואר בספה"ק ליקוטי הלכות (אה"ע הלכות קדושין הלכה ג) וז"ל, שעיקר הנסיון והבחירה של האדם בעולם הזה הוא תאות נאוף.. שבא לעולם הזה להתנסות אם יזכה לעמד בנסיון זה לשבר תאוה זאת, **שעל ידי זה יזכה לרב טוב הצפון וידע ויכיר את כבוד גדלו ואלקותו ורוממותו יתברך**, ויתגלה לו סתרי תורה גנזיא דמלכא.. **שאי אפשר לבוא להתגלות בתורה ועבודה כי אם על ידי שנתנסין ונצטרפין תחלה בגלות התאוה הזאת** וכו', יעו"ש עוד באריכות.

**ו.** ב'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' (מאמר א') מעורר: **ואנו בני תמותה השוהים כאן בעלמא הדין חיים מוגבלים של כמה עשרות בשנים, ויכולים לקנות חיים נצחיים,** ואפשר להיות שותף להקב"ה במעשה בראשית - ועלולים לעשות כאן חורבנות כאלו שאין לתאר ולשער, ועל שואלים את האדם "לאן אתה הולך". - - -

## בהאי עלמא חטוף ואכול

חזקו **ואמצו!** מיר דרייען זיך נישט דא (בעוה"ז) קיין סאך, ברוך ה' אז מען ווייסט אז ס'אסאך (-שאפשר לקנות הרבה), קען מען ארייננכאפן אסאך תורה - אסאך תפילה - אסאך מצוות. **אבער, סוף כל סוף גייען מיר אהיים, ממילא דארף מען זעהן אהיים גיין פרייליך און צופרידן!**[ז].

מען איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, **וואס וויל דער אויבערשטער?**, מ'האט געזאגט, **נישט נאכגעבן דעם יצר הרע!**[ח], **נאר ממליך זיין דעם אויבערשטן! און זיין א אכזר אויף זיך 'למען שמו יתברך'.**

## על ידי הקשר עם השי"ת זוכים לחיים אמיתיים

דאס איז די טייטש 'מה יעביד איניש ויחיה', "יחיה" הייסט אז מען פיהלט (מרגיש) דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער איז "חי החיים"[ט], **פיהל דעם אויבערשטן - וועסטו לעבן!**, חוץ דעם איז אלעס דמיונות. און (וויאזוי), 'ימית את עצמו', זאגט רש"י **"ימית תאוותו" - יעמאלט איז יחיה, יעמאלט וועט ער לעבן.**

למעשה בשעת מ'שטייט ביי א נסיון איז א בחינה פון 'מיתה', **אבער, מ'הרג'עט זיך פארן אויבערשטן!**, (וכי אפשר) **אז דער אויבערשטער זאל חלילה האבן צער פון מיר בפועל ממש?**[י].

---

**ז.** ראה דברים נוראים ב'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' (מאמר ב') בענין זה: אלו שברור להם התכלית כדברי התנא במשנה זו - חייהם חיים אחרים לגמרי, הסתלקותם הסתלקות אחרת וקימה בתחיה אחרת - **כששומר הברית נשכב בקבר הרי הקבר מתוק ונעים בשבילו! כל השדין והלילין פוחדים ממנו, ובורחים מאתו, זהו גן עדן אמיתי! אשרי לו!**.

**ח.** וכפי שמו"ר שליט"א מפרש ענין המלחמה בין שרו של עשיו ליעקב אבינו ע"ה, שנאמר (בראשית לב, כה) ויאבק איש עמו, ובשלמא היצר הרע פעל נגד יעקב בכל כחות הטומאה כידוע שהביא עליו כל הנסיונות הקשים והמרים, אך מה היתה 'מלחמתו' של יעקב אבינו כנגדו, לא בחיל ולא בכח, כי אם במה שלא שמע לו **"נאר נישט געפאלגט"**.

**ט.** וכפי דמרגלא בפומיה דמו"ר שליט"א להזכיר דברי ספה"ק ליקוטי מוהר"ן (סי' כ"א אות ט'), **חיים נצחיים הם רק להשי"ת** כי הוא חי לנצח, **ומי שנכלל בשרשו** דהיינו בו יתברך **הוא גם כן חי לנצח**, כי מאחר שהוא נכלל באחד והוא אחד עם השם יתברך, **הוא חי חיים נצחיים כמו השם יתברך**.

**י.** וכפי שמבואר ב'אוסף מאמרים - קדושה וטהרה' (מאמר ד') בענין זה: אלא נראה שמצד חומרת הדבר שאלקינו שונא זימה הוא, יש לו משמעות חמורה מיוחדת לחטא זה, כי הרי למשל במלך בשר ודם יש חילוק אם הוא

מ'דארף האבן א התגברות צו צוברעכן די ביטערע תאוה, מ'דארף זיין מוכן הערשט (-מעתה) אויף דעם, **פון הערשט און ווייטער ממליך זיין דעם אויבערשטן, נישט פוגם זיין נישט במחשבה - נישט בדיבור - נישט במעשה.** ס'קומט אפיר א משהו מחשבה, גלייך א היסח הדעת[יא] מיט אלע כוחות... און אזוי ביי א ראיה און אזוי ביי אלע סארט אופנים.

## הזכיה שאנו יודעים מה חובתינו בעולם

(מ'דארף) דאנקען דעם אויבערשטן אויף וואס מ'איז אויף דער וועלט, **און מ'ווייסט ווי זיך צו 'פירן' אויף דעם וועלט - וואס 'יא' צו טאן און וואס 'נישט' צו טאן,** מענטשן דרייען זיך דאך אויף דער וועלט און ווייסן גארנישט וואס עס טוט זיך - ער ווייסט נישט וואס ער דארף טאן און וואס ער מוז טאן[יב], ער לויפט נאך די תאוות אזוי ווי א ווינט, און מ'איז פארטומעלט אינגאנצען.

ברוך **השם אז מיר ווייסן!,** מיר האבן גוטע מידות, און פירן זיך מיט גוטע מידות, און האבן (אויך) נישט קיין גוטע מידות און (-ומנצלים אותם לטוב) ממליך זיין דעם אויבערשטן פון דעם.

---

מורד כנגד פניו ממש או רחוק מעיניו, וא"כ **ככל הנראה שחטא זה חמור מאוס ושנאוי ונתעב בעיני השי"ת שהשי"ת מחשיבו כאילו מרד לעיני מלכות שמים ממש כביכול.** עד כדי כך חמור חטא זה.

**יא.** ומו"ר שליט"א מזכיר פעמים רבות היסוד הגדול "**שאין זו עבירה - שיהיה להאדם יצר הרע**", וזהו מנהגו של עולם שבכל פעם שב ומתעורר היצר בלב האדם, וזהו דרכו של עולם ורצון הבורא ית"ש שיהיה להאדם יצר הרע ויתגבר עליו ויתחדש עליו בכל יום, והאדם יעמוד לנגדו, "**העבירה הוא רק - לציית להיצר הרע ולשמוע בקולו**", אבל באופן שמסיחים דעת תיכף ומיד ומקיימים 'מצות ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', אזי לא רק שאין זו עבירה אלא אף קיים מצות עשה דאורייתא. **ואומר מו"ר שליט"א שכבר נצמח טובה לרבים מידיעת כלל גדול זה.** (וראה 'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' מאמר ט', 'אוסף אמרים - אמונה ותפילה' שער ג' מאמר 'המליכוני עליכם', ועוד).

וראה ב'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' (מאמר י"א) בענין זה: כשחס ושלום ולפעמים האדם שוכח בכלל מן האיסור, ונופל בדעתו הרהור רע, והוא ממשיך עמו, ואחר כך נזכר, ואז הוא נשבר מזה שנכשל, וזה לבד מפילו במרה שחורה, עד שרחמנא ליצלן הוא חושב הלאה... **הפסק! עצור! יש קונה עולמו ברגע אחת!!!, כהיום, יש קונה עולמו ברגע אחד... ברגע אחד, לומר לעצמו: 'הקדוש ברוך הוא לא רוצה שתהיה לי זאת המחשבה'.**

**יב.** וכפי שמזכיר מו"ר שליט"א העובדא בחוקר גוי ידוע בשם אפלטון, שמתוך התעמקות מחשבתו בפילוסופיא הגיע לשאלה נוקבת ויורדת '**מה אני עושה כאן בעולם הזה?**', ועמד ברחובה של העיר ושאל לעוברים ושבים שאלה זו, והמה אף לא הבינו שאלתו, כי מה לגויי הארצות במחשבה כזו...

חזקו **ואמצו!**, באנייט זאך, צוליב דעם וועט אייך דער אויבערשטער העלפן, ס'וועט זיך ציען פון אייך דורות ישרים ומבורכים, קינדער עוסקים בתורה ובמצוות וממליכים את הקדוש ברוך הוא, **אשריכם ומה טוב חלקיכם!**.

## במענה לשאלה: איך מתקנים מה שפגמו?

דער אמת איז אזוי, **דער 'עתיד' - דאס פאררעכט דעם 'עבר'**, דער עתיד, יעדער ניסיון וואס מ'שטייט ביי - האסטו אויסגעריסן א ניסיון פון פריער (שנכשלת בו), און אמאל איז דא א **שטארקע** ניסיון - האסטו אויסגעמעקט **אלעס** פון פריער[יג].

מאכן א גוטן 'עתיד' פאררעכט דעם 'עבר', **מ'דארף נישט וויינען - מ'דארף נישט פאסטן - מ'דארף נישט גארנישט טאן!, נעם דעם 'עתיד' און פאריכט דעם 'עבר'!**[יד].

## במענה לשאלה: בחורים מבוגרים וקשה בשידוכים ורוצים לדעת מה הקב"ה רוצה מאתם?

מיר זענען נישט קיין פילאזאפן, (ואיננו צריכים) וויסן וואס ער (-הקב"ה) וויל[טו], **מיר דארפן וויסן וואס מען 'דארף' טאן, און וואס מען 'טאר נישט' טאן!**.

---

**יג.** ב'לקט אמרים' מאמר 'כל זאת באתנו ולא שיקרנו בבריתך' יש אריכות דברים בענין זה, וסיום המאמר הוא: וכמשפט הזה נוהג השי"ת עם כל ברואיו, לכל אחד ואחד לפי התיקון המיוחד לו. **כי יש ועוברים על האדם כי מיני מעברים ומשברים ויסורים ח"ו, ויתכן כי כל זה באתהו עבור שיזכה ולו לרגע אחד בלבד של התגברות נכונה וקבלת הדין בשמחה, שממנה תצמח ישועה גדולה ונפלאה לו ולבאים אחריו לנצח.**

**יד.** ב'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' (מאמר ט' אות כ') סיכם ענין זה: כלל הדבר, בכל שבירת היצר ובכל פעם שמנתק עצמו מרע לטוב מכניעים הרבה מכח הרע והקליפות בעולם הזה ובעולם הבא, ומכל הרבה מן הרע בעולם ויש לו חלק בתיקון העולם, וכמו שהבאנו לעיל מדברי ה'תניא' עיי"ש, **ועל כן עיקר הרצון צריך שיהא לקחת העתיד ולתקן העבר ולא להיפוך.. כמה מתקנים על ידי זה העבר ומכינים על ידי זה עתיד טוב.**

**טו.** ב'דרך כוכב' על ספה"ק ליקוטי מוהר"ן (תורה א') כתב בענין זה: שהיות ולאנשים כערכנו אין המוח מאיר כל צרכו, ואיננו יכולים לראות בשכלנו ובדעתנו את החכמה הנפלאה הטמונה בנבראים - לנו ולשכמותינו **העצה המעשית היא: להאמין!**, היינו לכל מראה עיניך האמן שיש בו חכמה נפלאה מהשי"ת, שהשי"ת מהוה ומחיה את הכל. **והאמן גם שכל מה שנעשה עם הברואים בכל עת ורגע עד סוף כל הדורות היא מפעולתו של הקב"ה, וטמון בה חכמה נפלאה עליונה שאפשר להשיג על ידה את השי"ת, ולהיות מקורב על ידה להשי"ת, האמן בזה!** זה תפקידך, ואם תעשה כן, ייטב לך!.

א הבנה אין די זאכן?, אז די אויבערשטער גיבט א שיין פארשטייט מען[טז]!, אליין קען מען נישט פארשטיין.

## במענה לשאלה: איך מתחזקים?

**מיט יעדער 'נקודה' וואס מ'טוט פארן אויבערשטן דארף מען זיך מחזק זיין[יז]!**, מ'מאכט א ברכה, מ'בענטשט בכוונה - דארף מען זיך מחזק זיין, מ'גיבט א גוטן פארמאך די אויגן[יח] (שמירת עינים) - דארף מען זיך מחזק זיין, א שמחת עולם.

---

**טז.** הדברים מיוסדים על המבואר בספה"ק ליקוטי הלכות (חו"מ הל' פקדון הל' ד') וז"ל, על כן עיקר החכמה והשכל האמת הוא האמונה שהיא כלל התורה כמו שכתוב, כל מצותיך אמונה, **היינו שצריכים להתנהג בכל דבר על פי התורה הקדושה** וכשמסתכל באיזה דבר ידע ויאמין באמונה שלמה שבודאי יש בזה הדבר שכל גדול ויכולין להכיר בזה הדבר גדלת הבורא יתברך ולהתקרב על ידי זה לה' יתברך. **ואם יזכה לידע ולהבין בזה איזה שכל הנוגע לעבודת ה' יתברך מה טוב**, ואם לאו יצמצם שכלו ויסמך על אמונה עד שיזכה שיזכך גופו כראוי אז יזכה להבין כראוי לו, ע"כ. וב'דרך כוכב' (תורה א') מפרש: כלומר, החובה המעשית שלנו היא אך להאמין, להחזיק תמיד באמונה שהשי"ת נמצא בכל דבר ממש, אמנם - כמו שמסיים מוהרנ"ת - **אם בכל זאת זוכה לאיזה ניצוץ והארה - מה טוב ואשרי לו!**.

**יז.** אריכות וביאור ענין זה ראה ב'ונכתב בספר' מאמר ט' 'עבודות פשוטות', ובתוך המאמר שם: ולא נפלאת היא ולא רחוקה היא, **לחטוף עבודות פשוטות של סור מרע ועשה טוב מכל הבא ליד**. כי בכל הנהגה של דעת תורתינו הקדושה יש בה סגולה מיוחדת אם מקיימים אותה בתמימות כראוי, ועל ידי ההנהגות הקדושות הללו אפשר לזכות להרבה טוב. **והם מהדברים הנמצאים בקרבתנו, קרובים וסמוכים אלינו, ורק צריך לאסוף מהם מלא חפניים טובה**.

**יח.** בענין יקרת כל חוט השערה של התגברות, ראה ב'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' (מאמר ט' אות י"ט) שהעתיק מספר משיבת נפש (אות קכ"ח), ונעתיק קצת מן הדברים: צריך כל אדם לידע, שחוט השערה יקר מאד מאד והוא תלוי בכל עת בחוט השערה. שיכול האדם לקלקל הרבה על ידי חוט השערה חס ושלום, **ומכל שכן שיכול לתקן הרבה על ידי חוט השערה, כי מדה טובה מרבה ממדת פורעניות, כי חוט השערה בקדושה יקר מאד מאד**. והשם יתברך ברחמיו זכה אותנו במצוות רבות בכל יום וכל אחד מישראל מושך את עצמו מהרע אל הטוב בכל יום ויום, **כי הולך מביתו ומעסקיו לבית הכנסת ומניח טלית ותפלין ומתפלל וכו', ובודאי נמצא בכל זה כמה וכמה נקודות טובות** שהם בחינת שערות קדושות שהם יקרים אצלו יתברך מאד מאד, **וכן אפלו בעניני תאוות והרהורים שמתגברים על האדם בכל יום**, ובודאי מי שהוא איש כשר קצת יש לו יסורים גדולים מזה ומתגבר בכל עת נגד המחשבות והרהורים. **וכל תנועה שמנתק את עצמו מהם כחוט השערה הוא יקר בעיניו יתברך מאד מאד, כי הוא ידע יצרנו** וכו', ויודע איך היצר הרע מתגבר על כל אחד ואחד, **ועל כן יקר בעיניו יתברך כל תנועה ותנועה אפילו היא כשערה ממש** מה שהאדם מושך את עצמו מהסטרא אחרא אל הקדושה.

חזקו **ואמצו!**, זייט'ס ממליך דעם אויבערשטן, וועט דער אויבערשטער טאקע העלפן איר וועט האבן גוטע מזלות, אויפשטעלן בנים ובנות חיים וקיימים עוסקים בתורה ובמצוות, עס זאל זיך פירן 'מלכות דקדושה' דורך אייך, **אז די קינדער און קינדער'ס קינדער זאלן אלע ממליך זיין דעם אויבערשטן, וואס דאס איז די גרעסטע תיקון אויף די וועלט - אויף יענע וועלט**, חזקו ואמצו!

**במענה לשאלה: מה השיעור שמותר 'ליהנות' מהעולם הזה ומתי צריך לגדור גדר בהיתר?**

דער תירוץ איז, דער אמת איז, אז באופן ממוצע (זהו הדרך הנכון). א מענטש עסט, האט ער הנאה (וזה מותר)[יט]. אז מ'נעמט... אזא זאך אזא זאך אזא זאך... (למלאות תאוותו) דאס נישט[כ], אבער אז ער עסט און האט הנאה פון דער וועלט, (אויב ער) **מאכט א ברכה אויף דעם - מאכט א בורא נפשות אויף דעם, דאס איז תיקון!**[כא]. חיזקו ואמצו!.

---

**יט.** לאחרונה אמר מו"ר שליט"א לאחד מראשי הישיבות ששאל איך לעורר בחורים להתנהג בקדושה, שצריך לומר להם ולהסביר כי בעצם מותר ליהנות מן העולם הזה, לאכול ולשתות טוב - אם הוא בדרך ארץ ובברכה בכוונה, ולהתלבש יפה בנקיות וסדר, אך מאידך כאשר יגיע תאוה ונסיון בעניני קדושה צריך להיות מוכן ומזומן בכל האכזריות עד כדי מסירות נפש ממש.

**כ.** מרגלא בפומיה דמו"ר שליט"א שאחד העיקרים בעבודת האכילה הוא לאכול במתינות, וללעוס היטב את האוכל, וכפי שכתב ב'אוסף מכתבים' (ח"ב מכתב כ"ז) שהנהגה זו הוא עוד מימי בחרותו בלמדו בישיבת בית אברהם סלונים, וחבר אחד שהיה מקורב להרה"ק רבי אהרן ראטה זי"ע בעל שומר אמונים היה מעוררו לעסוק בקדושת האכילה, ושם ראה ענין זה (במאמר עצות האכילה פרק י"א).

**כא.** ידוע ומפורסם פעולותיו של מו"ר שליט"א בעניני ברכות בכוונה וחובת זהירות לברך מאה ברכות בכל יום. ובענין מה שאמר שה'תיקון' של המאכל הוא על ידי הברכה, נביא מ'אוסף אמרים - קדושה וטהרה' מאמר ח': **בכל ברכה ממליכים את הקב"ה על כל פרטי הבריאה, ובזה מקשרים את השי"ת עם העולם הזה באמירת הברכות.. וכאשר מקשרים את השי"ת עם הבריאה, עי"ז מסירים את כל המסכים המבדילים, וממילא יורד שפע של ברכה והצלחה בלי מונע.** כי צריך לדעת שהמסכים המבדילים הם הכפירות והאפיקורסות המלבישים הכל בטבע. וכאשר עומדים בעולם הזה ומכירים שהכל מכוחו ית' ולא מדרך הטבע, וכי גם הטבע הוא מכוחו ית', **ומברכים ומודים להשי"ת על השפעותיו הגשמיות, עולה נחת-רוח גדול לפניו ית', וזה שובר את כל המסכים המבדילים, ונמשך שפע רב מאד בלי גבול, יתן ויחזור ויתן.** וגם הזוה"ק מפליג מאד בשפע הרב שהברכה משפיעה בכל העולמות.

## במענה לשאלה: האם צריך לעשות 'התבודדות' וכמה זמן?

די בעסטע זאך איז, מ'נעמט א "ליקוטי תפילות" און מ'הייבט אן צו זאגן[כב], מ'זאגט אפ א עמוד[כג] און נאכער קענסטו נאכער צו א בלאט, קענסטו נאכער ממשיך זיין מיט'ן רעדן. **ס'איז א 'גרויסע' התחלה, און א גוטע התחלה** - א גרינגע לשון און ער רעדט ארויס עמקי הנפש[כד], זאג איבער א עמוד - א בלאט - מער אביסל, ביז דו וועסט ווערן דערוועקט און רעדן מיט די מויל (דיבורים עצמיים).

## במענה לשאלה: האם צריך 'לדבר' אל השי"ת?

**יא, אוודאי אוודאי, וואס איז די שאלה?, דאס איז דאך די ריכטיגע מצוות תפלה!**[כה].

---

**כב.** לחיבת הקודש אשר מחבב מו"ר שליט"א ומפליג בשבח ספר הקדוש הזה, נעתיק מ'אוסף מכתבים' (ח"ב מכתב י"ט) דברים נפלאים: וכן רואין גם אנו שאחר מאה וארבעים שנה (פחות או יותר) וכשניגש יהודי ואומר ליקוטי תפילות, מרגיש את עצמו כאילו עליו ועל עצמו נאמרו דברים אלו. **מי שמע כזאת מי ראה פלא כזה; אלפים אנשים אחר הסתלקות מוהרנ"ת כל אחד רואה ומרגיש איך שמה שעובר עליו, מונח בליקוטי תפילות ושייכים לו לתיקון נפשו**, פעם אחת, ואולי יותר מפעם, שאני ניגשתי ללקוטי תפילות והתחלתי לטעום מתיקת הדיבורים, תיכף נתחרטתי למה לא אמרתי אתמול לקו"ת, וידוע שמוהרנ"ת אמר שאחר שיצא הלק"ת עתידים ליתן דין וחשבון על כל יום שלא אומרים לקוטי תפילות. **וזה מובן מאד כהיום שהלב מטומטם כל כך מרוב עונות ופשעים והרוחות הטמאות שמילאו את חלל העולם, והוא הכין דיבורים כאלו להתעורר ולשיח את הלב לפני קונינו, ואין לנו כי אם לפתוח את הפה לאכול**.

**כג.** שם במכתב הנ"ל כתב: ולדעתי **תנסה לומר בכל יום עמוד אחד**, ותראה שתרגיש במשך הזמן שינוי לטובה בלי שום ספק בעזר השם.

**כד.** שם במכתב הנ"ל כתב עוד: הלקוטי תפלות הוא עד לעצמו על צח מוחו של מוהרנ"ת, **איך שהוציא דיבורים אמיתיים כאלו, דיבורים קדושים כאלו, עמקי פנימיות הנפש בלשון צח וקל כזה (וגם הכתבנים מהעולם מתפלאים איך מוציאים עמקי עמקים כאלו בלשון קל כזה)**.. וכתב את התפילות גם באופן כזה בהתקשרות לנפשות ישראל בדביקות נפלאה ובעינים זולגות דמעות (כמו ששמעתי מר' לוי יצחק בענדער שראה כתבים ממוהרנ"ת של תפילות, והיה ניכר עליהם טיפות דמעותיו שזלגו מעיני בעת כתבו).

**כה.** מיוסד על המבואר בספה"ק שיחות הר"ן (אות רכט) וז"ל, שמעתי בשמו שהיה מדבר עם אחד מבני הנעורים והיה מחזק אותו מאד מאד בהתבודדות ושיחה בינו לבין קונו בלשון שמדברים בו כדרכו זכרונו לברכה. ואמר לו **שבתחלה זה היה עקר התפלה מה שהיה כל אחד מדבר מה שבלבו לפני השם יתברך בלשון שהיו מדברים בו** כמבואר ברמב"ם בתחלת הלכות תפלה עיי"ש שמבאר שם זאת היטב, שבתחלה היה זה עיקר התפלה וכו' אך אחר כך ראו אנשי כנסת הגדולה וכו' ותקנו סדר התפלה עיי"ש. **אבל על כל פנים מדינא זהו עיקר התפלה. על כן גם עכשיו שמתפללין סדר התפלה שתקנו אנשי כנסת הגדולה, טוב מאד להאדם להיות רגיל להתפלל**

**במענה לשאלה: האם מותר לנסוע לקברי צדיקים אם הוא על חשבון 'שמירת עינים'?**

אוודאי אז מען ווייסט זיכער אז מען וועט נכשל ווערן, **טאר מען נישט פארן!**, טאר מען נישט.

**במענה לשאלה: בענין הנ"ל מה בנוגע ל'ביטול תורה'?**

ביטול תורה, איז אויב ער ווייסט, אז מען רעדט זיך אויס די הארץ פארן אויבערשטן, און מען מאכט (על ידי זה) א גוטע התחלה אויף לערנען - אויף היטן די אויגן, און נאך כהנה, קען מען מקיל זיין.

---

**לפני השם יתברך תפלות ותחנות ובקשות מלבו בלשון שמבין שיזכהו השם יתברך לעבודתו באמת כי זה עיקר התפלה** כנזכר לעיל. (וראה אריכות בענין זה, ובכל עניני 'התבודדות' ב'אוסף אמרים - אמונה ותפילה' מאמר י"ג).